# דער צווייטער בּריוו צו טימאָטעאוסן

פּאָולוס אַ שלִיח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דורך דעם רָצון פֿון גאָט, א
לויט דער הַבטָחה פֿון דעם לעבּן, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
צו טימאָטעאוסן, מיין געליבטן זון: חֶסֶד, רַחמים, שָלום פֿון 2
גאָט, דעם פֿאָטער, און יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האַר. איך דאַנק 3
גאָט, וועמען איך דין פֿון מיינע אָבות אָן אין אַ ריין געוויסן,
ווי אָן אויפֿהער געדענק איך דיך אין מיינע תּפִילות. טאָג און
נאַכט בּענק איך דיך צו זען, בּעת איך דערמאָן מיך אין דיינע 4
טרערן, כּדי איך זאָל ווערן פֿול מיט שִׂמחה. בּעת איך דערמאָן 5
מיך אין דיין אויפֿריכטיקער אֱמונה, וואָס האָט פֿריער געוואוינט
אין דיין בּאָבּע לואִיס און אין דיין מאַמע עוניקע, און איך בּין
זיכער, אויך אין דיר. צוליבּ דעם דערמאָן איך דיך, אַז דו 6
זאָלסט דערוועקן די מַתָּנה פֿון גאָט, וואָס איז אין דיר דורך דער
סמיכה פֿון מיינע הענט. וואָרים גאָט האָט אונדז ניט געגעבּן 7
קיין גייסט פֿון פַּחד, נייערט פֿון גבורה און ליבּע און שליטה
איבּער זיך אליין. דעריבּער שעם דיך ניט פֿונוועגן דעם עֵדות 8
פֿון אונדזער האַר, אויך ניט מיט מיר, זיין געפֿאַנגענעם; נייערט
לייד שווערקייט פֿאַר דער בּשׂורה טובה לויט דער גבורה פֿון
גאָט, וואָס האָט אונדז מַציל געווען, און האָט אונדז בּאַרופֿן מיט 9
אַ הייליקער בּאַרופֿונג, ניט לויט אונדזערע מַעשׂים נאָך, נייערט
לויט זיין אייגענער דֵעה און חֶסֶד, וואָס איז אונדז געגעבּן געוואָרן
אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ מִקֶדֶם מִימֵי עולָם, און איז איצט אַנטפּלעקט 10
געוואָרן דורך דער דערשיינונג פֿון אונדזער גואֵל יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
וואָס האָט אָפּגעשאַפֿט דעם טויט, און האָט געבּראַכט לעבּן
און אומשטאַרבּלעכקייט צום ליכט דורך דער בּשׂורה טובה,
וואָס צו איר בּין איך בּאַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ מבַשׂר און אַ 11
שלִיח און אַ מלַמד. צוליבּ דעם לייד איך אויך די דאָזיקע זאַכן; 12
דאָך איך שעם מיך ניט. וואָרים איך קען אים, וועמען איך האָבּ
געגלויבּט

געגלייבט, און איך בין זיכער, אַז ער איז בִּיכוֹלֶת אָפּצוהיטן
דעם פִּקָדוֹן, וואָס איך האָב אים איבערגעענטפערט פאַר יענעם
13 טאָג. האַלט דעם בײַשפּיל פון געזונטע רייד, וואָס דו האָסט פון
מיר געהערט, אין אֱמוּנה און ליבע, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
14 זאָלסט אָפּהיטן דעם פִּקָדוֹן, וואָס איז דיר איבערגעענטפערט
15 געוואָרן, דורך דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, וואָס וואוינט אין אונדז. דאָס
ווייסטו, אַז אַלע, וואָס זענען אין אַזיע, האָבן זיך אָפּגעקערט פון
16 מיר; צו זיי געהערן פיגעלוס און הערמאָגענעס. דער האַר זאָל
זיך דערבאַרעמען אויף דעם הויז פון אָנעסיפאָרוס, וואָרים ער
האָט מיך אָפט דערקוויקט, און האָט זיך ניט געשעמט מיט מיינע
17 קייטן, נייערט בעת ער איז געקומען קיין רוים, האָט ער מיך
18 פלייסיק געזוכט, און האָט מיך געפונען, ־ דער האַר זאָל אים
געבן צו געפינען רַחמים ביי גאָט אין יענעם טאָג, ־ און אין וויפל
זאַכן ער האָט מיר געדינט אין עפעזוס, ווייסטו זייער גוט.
ב בְּכֵן, דו מיין זון, ווער געשטאַרקט דורך דעם חֶסֶד, וואָס איז
2 אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. און די זאַכן, וואָס דו האָסט געהערט פון
מיר צווישן עֵדוּת אַ סַך, ענטפער איבער צו געטרייע מענטשן,
3 וואָס וועלן זיין בִּיכוֹלֶת אויך אַנדערע צו לערנען. דערטראָג
שווערקייט מיט מיר, ווי אַ גוטער זעלנער פון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
4 קיין שום זעלנער אויף דינסט פאַרפלאָנטערט זיך ניט אין די
עֲסָקים פון דעם לעבן, כּדי ער זאָל וואוילגעפעלן ווערן דעם,
5 וואָס האָט אים פאַרשריבן פאַר אַ זעלנער. און אויב עמיצער
קעמפט אויך ווי אַן אַטלעט, ווערט ער ניט געקריינט, סיידן ער
6 האָט געקעמפט לויט דעם דִין. דער אַקערער, וואָס טוט זיך מִיעִן,
7 דאַרף זיין דער ערשטער צו געניסן פון די פֵּירוֹת. פאַרשטיי
וואָס איך זאָג; וואָרים דער האַר וועט דיר געבן פאַרשטענדעניש
8 אין אַלצדינג. געדענק יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס איז אויפגעשטאַנען
תּחִיַת־הַמֵתים, פון דעם זאָמען פון דָוִדן, לויט מיין בְּשׂוֹרה טוֹבה,
9 וואָס צוליב איר לייד איך צָרוֹת ביז קייטן, ווי אַ פאַרברעכער;
10 אָבער דאָס וואָרט פון גאָט איז ניט געבונדן. דעריבער

דערטראָג איך אַלצדינג פֿונוועגן די אויסדערוויילטע, כּדי אויך
זיי זאָלן דערגרייכן די ישועה, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, מיט
11 אייביקער הערלעכקייט. אֶמת איז דאָס וואָרט: אויב מיר זענען
12 געשטאָרבן מיט אים, וועלן מיר אויך לעבן מיט אים. אויב מיר
דערטראָגן, וועלן מיר אויך הערשן מיט אים; אויב מיר וועלן
13 אים פֿאַרלייקענען, וועט ער אויך אונדז פֿאַרלייקענען; אויב מיר
זענען ניט געטריי, פֿאַרבלייַבט ער דאָך געטריי; וואָרים ער קען
14 זיך אַליין ניט פֿאַרלייקענען. דערמאָן זיי וועגן די דאָזיקע זאַכן,
און באַפֿעל זיי פֿאַר גאָט, אַז זיי זאָלן זיך ניט צאַנקען איבער
רייד, וואָס נוצן אויף גאָרניט, נאָר פֿאַרדאַרבן די, וואָס הערן.
15 באַמי דיך צו שטעלן זיך פֿאַר גאָט, ווי אַן אויסגעפּרואווטער
אַרבעטער, וואָס דאַרף זיך ניט שעמען, און וואָס באַגייט זיך
16 רעכט מיט דעם וואָרט פֿון אֶמת. ווײַך אָבער אויס אומווערדיקע
17 פּלאַפּלערייַען; וואָרים זיי פֿאַרמערן ווייטער דאָס רִשעות, און
זייער וואָרט וועט עסן, ווי סע טוט אַ קאַלטער־בראַנד. צו זיי
18 געהערט הימענעאוס און פֿילעטוס, וואָס האָבן אָפּגעקערט פֿון
דעם אֶמת, ווייל זיי זאָגן, אַז תּחִית־המֵתים איז שוין געווען, און
19 צעשטערן די אֶמונה פֿון עטלעכע. דאָך דער שטאַרקער יסוד
פֿון גאָט באַשטייט, און האָט דעם דאָזיקן חותם: גאָט קען די,
וואָס געהערן אים; און: זאָל יעדער איינער, וואָס רופֿט אָן דעם
20 שֵם־המפֿורש, אָפּקערן פֿון אומרעכט. אין אַ גרויס הויז זענען
פֿאַראַן ניט נאָר כּלים פֿון גאָלד און פֿון זילבער, נייערט אויך פֿון
האָלץ און פֿון ערד; און טייל צום כּבוד, און טייל צום אומכּבוד.
21 דעריבער, אויב עמיצער לייַטערט זיך פֿון די דאָזיקע, וועט ער
זייַן אַ כּלי צום כּבוד, געהייליקט, פּאַסיק פֿאַר דעם האַרס נוצן,
22 אָנגעגרייט צו אַלערליי מעשים טובים. אַנטרין אָבער פֿון
יוגנט־תּאוות, און יאָג נאָך רעכטפֿאַרטיקייט, אֶמונה, ליבע, שָלום
23 מיט די, וואָס רופֿן אָן דעם האַר פֿון אַ ריין האַרץ. ווייַך אָבער
אויס נאַרישע און אומוויסנדיקע קַשיות, ווייל דו ווייסט, אַז זיי
24 ברענגען מחלוקת. און דעם האַרס קנעכט דאַרף זיך ניט קריגן,
נייערט

נייערט זיין פרייַנטלעך צו אַלעמען, פעאיִק צו לערנען, געדולדיק,
25 און אין עֲנִיוות אויסבעסערן די ווידערשפעניקע. אֶפשר וועט גאָט
26 באַוויליקן, אַז זיי זאָלן חֲרָטה קריגן, און דערקענען דעם אֶמת, און
זיי וועלן אַנטרינען פון דער נעץ פון דעם שָׂטן, נאָכדעם ווי זיי
זענען דורך אים געגומען געוואָרן געפאַנגען פאַר זיין רָצון.
ג און דאָס זאָלסטו וויסן, אַז אין די לעצטע טעג וועלן קומען
2 שווערע צייטן. וואָרים מענטשן וועלן זיין ליבהאָבערס
פון זיך אַליין, ליבהאָבערס פון געלט, באַרימערס,
בַּעלי־גאַווה, לעסטערערס, ווידערשפעניק קעגן עלטערן,
3 אומדאַנקבאַר, אומהייליק, אוממענטשלעך, אומפאַרגעבלעך,
רכִילות־טרייַבער, זוללִים, אַכזָריותדיק, שׂונאים פון גוטס,
4 מוסרים, עַקשָנים, אויפגעבלאָזן, ליבהאָבערס פון תַּענוג מער
5 ווי ליבהאָבערס פון גאָט, וואָס האָבן אַן אויסזען פון פרומקייט,
בעת זיי פאַרלייקענען די קראַפט פון איר. אויך פון די דאָזיקע
6 קער דיך אָפּ. וואָרים צו די דאָזיקע געהערן די, וואָס פויזען
אַריין אין הייזער, און נעמען געפאַנגען נאַרישע ווייבער, באַלאָדן
7 מיט זינד, פאַרפירט פון אַלערליי תַּאוות, וואָס תָּמיד לערנען זיי,
8 און קענען קיינמאָל ניט קומען צום וויסן פון דעם אֶמת. און
פונקט ווי יַנֵים און יַמבּרֵים האָבן זיך קעגנגעשטעלט משהן, אַזוי
טוען זיי זיך אויך קעגנשטעלן דעם אֶמת; מענטשן, וואָס זענען
פאַרדאָרבן אין פאַרשטאַנד, און פאַרוואָרפן בנוגֵע דער אֶמונה.
9 זיי וועלן אָבער ווייטער ניט קומען; וואָרים זייער נאַרישקייט
וועט זיין אָפן פאַר אַלעמען, אַזוי ווי עס איז אויך געווען מיט
10 יענע. דו אָבער האָסט נאָכגעפאָלגט מיין לערנונג, פירונג, דֵעה,
11 אֶמונה, געדולדיקייט, ליבע, סַבלָנות, רדִיפות, ליידן, וואָס זענען
מיך באַפאַלן אין אַנטיאָכיע, אין איקאָניע, אין ליסטראַ; וואָסערע
רדִיפות איך האָב איבערגעטראָגן; און פון זיי אַלע האָט מיך
12 דער האַר מַציל געווען. יאָ, און אַלע, וואָס ווילן לעבן פרום
13 אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וועלן גערודֶפט ווערן. אָבער רשָעים און
שַקרָנים וועלן ווערן ערגער און ערגער, וועלן נאַרן און גענאַרט
ווערן

14 ווערן. דו אָבער פֿאַרבלײַב אין דעם, וואָס דו האָסט געלערנט
און ביסט איבערצייגט געוואָרן, ווײַל דו ווייסט פֿון וועמען דו
15 האָסט עס געלערנט, און ווײַל פֿון קינדווײַז אָן האָסטו געקענט
די כּתבֿי־הַקוֹדֶש, וואָס קענען דיך מאַכן קלוג פֿאַר דער ישועה
16 דורך אֶמוּנה, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. אַלע כּתבֿי־הַקוֹדֶש
זענען אינספּירירט פֿון גאָטס גייסט, און זענען אויך נוצלעך צום
לערנען, צום שטראָפֿן, צום אויסבעסערן, צום מַדריך זײַן אין
17 רעכטפֿאַרטיקייט, כּדי דער מענטש פֿון גאָט זאָל זײַן שלֵימותדיק,
און גרייט פֿאַר אַלערליי מעשׂים טובים.

ד איך באַפֿעל דיר פֿאַר גאָט און פֿאַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס וועט
מִשפּטן די לעבעדיקע און די טויטע, און דורך זײַן אַנטפּלעקונג
2 און זײַן מלוכה: פּראָקלאַמיר דאָס וואָרט, זײַ געאײַלט אין צײַט,
און אויסער דער צײַט, רעד איבער, שטראָף, זײַ מַזהיר, מיט
3 געדולדיקייט און לערנונג. וואָרים סע וועט קומען די צײַט, ווען
זיי וועלן ניט פֿאַרטראָגן די געזונטע לערנונג, און ווײַל זיי האָבן
קיצלדיקע אויערן, וועלן זיי זיך אָנקלײַבן לערערס לויט זייערע
4 אייגענע תּאוות, און זיי וועלן אָפּנייגן זייערע אויערן פֿון דעם
5 אֶמת, און זיך קערן צו בָּבא־מַעשׂות. דו אָבער זײַ ניכטער אין
אַלצדינג, לײַד צָרות, טו די אַרבעט פֿון אַ מבַשׂר, זײַ מְמַלא
6 דײַן עֲבודה. וואָרים איך בין שוין געבראַכט פֿאַר אַ קָרבן,
7 און די צײַט פֿון מײַן אַוועקגיין גענעענט. איך האָב געקעמפֿט
דעם גוטן קאַמף, איך האָב פֿאַרענדיקט מײַן וועטלויף, איך האָב
8 געהיט די אֶמוּנה. פֿון איצט אָן איז אָנגעבּרייט פֿאַר מיר די
קרוין פֿון גערעכטיקייט, וואָס דער האַר, דער רעכטפֿאַרטיקער
שופֿט, וועט מיר געבן אין יענעם טאָג; און ניט נאָר מיר אַליין,
נייערט אויך די אַלע, וואָס האָבן ליב געהאַט זײַן אַנטפּלעקונג.
9, 10 אײַל דיך צו קומען אין גיכן צו מיר; וואָרים דעמאַס האָט מיך
פֿאַרלאָזן, ווײַל ער האָט ליב געהאַט דעם עולם־הַזה, און איז
אַוועקגעגאַנגען קיין טעסאַלאָניקע, קרעסצענס קיין גאַלאַטיע,
11 טיטוס קיין דאַלמאַציע. נאָר לוקאָס אַליין איז מיט מיר. נעם
מאַרקוסן

מאַרקוּסן און ברענג אים מיט מיט דיר; וואָרים ער איז מיר
12 נוּצלעך פֿאַר דער עֲבוֹדה. טיכיקוּסן אָבֿער האָבֿ איך געשיקט
13 קיין עפֿעזוּס. בעת דוּ וועסט קוּמען, זאָלסטוּ ברענגען דעם
מאַנטל, וואָס איך האָבֿ געלאָזן אין טראָאַס ביי קאַרפּוּסן, אויך די
14 ספָרים, און בִּפרַט די פּאַרמעטן. אַלֶקסאַנדר, דער קוּפּערשמיד,
האָט מיר אַ סך שלעכטס געטאָן; גאָט וועט אים פֿאַרגעלטן
15 לויט זיינע מַעשׂים. פֿאַר אים טוּ אויך דוּ דיך היטן, וואָרים
16 ער האָט זיך שטאַרק אַקעגנגעשטעלט אוּנדזערע רייד. ביי
מיין ערשטער פֿאַרטיידיקוּנג האָט קיינער ניט גענוּמען מיין צַד,
נייערט אַלע האָבן מיך פֿאַרלאָזן. זאָל דאָס ניט פֿאַררעכנט
17 ווערן אויף זייער רעכענוּנג׳ אָבֿער דער האַר האָט מיר געהאָלפֿן,
און האָט מיך געשטאַרקט, כּדי דוּרך מיר זאָל די בשׂוֹרה טוֹבה
אינגאַנצן אָנגעזאָגט ווערן, און אַלע פֿעלקער זאָלן זי הערן; און
18 איך בין נִיצוֹל געוואָרן פֿון דעם לייבס מויל. דער האַר וועט מיך
מַציל זיין פֿון יעדן בייזן ווערק, און וועט מיר פֿאַרהעלפֿן צוּ זיין
הימלישער מלוּכה; פֿאַר אים זאָל זיין כָּבוד לעוֹלָם וָעֶד. אָמֵן.
19 גריס פּריסקאַ און עַקִילַס, און דעם הויזגעזינד פֿון אָנעסיפֿאָרוּס.
20 עראַסטוּס איז פֿאַרבליבן אין קאָרינט, און טראָפֿימוּסן האָבֿ איך
21 איבערגעלאָזן קראַנק אין מילעטוּס. אייל דיך צוּ קוּמען פֿאַר
ווינטער. עוּבוּלוּס גריסט דיך, און פּוּדענס און לינוּס און קלאָודיע,
22 און אַלע ברידער. דער האַר זאָל זיין מיט דיין גייסט. חֶסֶד זאָל
זיין מיט אייך.